# Atsišaukimas į Žydų visuomenę apie rinkimus į miesto savivaldybę

## יידן, קליין־סוחרים, האנטווערקער און פאלקס־מענשן!

מאנטאג און דינסטאג, דעם 15־טן און 16־טן יוני, קומען פאר די וואלן צום שטאט־ראט.

איידער איר גייט צו די וואלן, מאכט זיך קלאר און גיט זיך אָפּ א דין וחשבון:

ווער האט פארטיידיקט אייערע אינטערעסן ביים באשטימען שטייערן?

ווער איז שטענדיק געשטאנען אויף דער וואך פון די אינטערעסן פון יידישן קליין־סוחר, האנטווערקער און פאלקס־מענש?

ווער האט געוויסנהאפט דערפילט זיין געזעלשאפטליכן חוב לגבאי די יידישע ווייל'ער, מקריב זיינענדיק זיין צייט לטובת הכלל?

ווער האט, פילנדיק די געזעלשאפטליכע אחריות, דרייסט און אפן ארויסגעטראטן קעגן יעדער עולה, וואס איז באגאנגען געווארן קעגן פאנעוועזשער יידן?

ווער האט געזארגט פארן יידישן אָרימאן?

ווער איז באמת גרייט צו ארבעטן אויף להבא פארן עקאנאמישן און קולטורעלן וואויל'זיין פון דער יידישער באפעלקערונג פון שטאט?

צו וועמען קען זיך דער יחיד ווענדן אין א עת צרה און געפינען א ווארעמען מיטגעפיל?

אז איר וועט זיך געבן אניענטפער אף די פראגן, וועט אייך קלאר ווערן, אז איר מוזט

**אלע, ווי איין מענש, שטימען נאר פאר די פערזאנען, וואס שטייען נאענט צו אייך און ווערן געשיקט פון אייערע עקאנאמישע פארבאנדן צו פארטיידיקן אייערע אינטערעסן אין שטאט־ראט!**

## די קאנדידאטן פון אייער צעטל זיינען

# פון № 127 ביז № 147

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 127 | פליישער אברהם | 134 | עדעלשטיין אלכסנדר | 141 | קאסימאוו אבא |
| 128 | שאץ אברהם | 135 | מולער מרדכי | 142 | לאפערט ישעיהו |
| 129 | ראגאוו שניאור | 136 | לעוויטאן חיים | 143 | ליאקוב בערל |
| 130 | גווינט וואלף | 137 | דאבקין זלמן | 144 | מעלאמעד העשל |
| 131 | ד"ר באראק פייוויש | 138 | ד"ר סאבאל מאיר | 145 | ופסי יוסף |
| 132 | מאנדעלשטאם שלום | 139 | בירמאן משה | 146 | שערמאן יעקב |
| 133 | זעליבאוויטש שמואל | 140 | שאפירא משה | 147 | וואלערשטיין שלמה |

## שטימט אלע פאר די אויסגערעכנטע קאנדידאטן!

לייגט אין אייער שטים־קאנווערט 21 צעטלען מיט די נומערן פון 127 ביז 147, קיין איין שטימע טאר ניט פארלארן גיין.

די וואלן קומען פאר אין שיסער (מאנטוויל'ס) טעאטער פון 8 אינדערפרי ביז 8 אין אונט, מאנטאג און דינסטאג דעם 15 און 16 יוני.

N. Feigenzono spaustuvė Panevėžy. M. V. Nr. 101